**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/3/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פארארדנט פענער צו אראפגענידערט ווערן צו די האלבע הייעך אין עהרע פון לאנגיאריגער לופט טראנספארט פאראמעדיק קעווין מ. ראבערט

***פענער וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלבע הייעך אריבער ניו יארק סטעיט אום דאנערשטאג, סעפטעמבער 4***

גאווערנער Hochul (האקול) האט היינט פארארדנט אז פענער אויף אלע סטעיט רעגירונג געביידעס זאלן אראפגענידערט ווערן אין עהרע פון Kevin M. Robert (קעווין מ. ראבערט), א לאנגיאריגער לופט טראנספארט פאראמעדיק וועלכער איז אוועק פון די וועלט בשעת'ן זיין אויפן דזשאב לעצטע וואך. פענער וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך אום דאנערשטאג, סעפטעמבער 4, פון זון אויפגאנג ביז זון אונטערגאנג.

"Kevin Robert (קעווין ראבערט) האט גענטפערט די רוף צו דינען זיין קאמיוניטי און האט צוגעשטעלט הילף אין א צייט פון נויט פאר צאללאזע ניו יארקער דורכאויס זיין קאריערע אלס א פאראמעדיק", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "היינט שיקן מיר אונזערע טיפסטע טרייסט וואונטשן פאר זיינע באליבטע, זיינע קאלעגן און פאר די גאנצע מעקעניקוויל קאמיוניטי אזוי ווי זיי באערהן זיין לעבן און שאפן."

Kevin (קעווין) איז געווען א סערטיפייד לופט טראנספארט פאראמעדיק און האט געארבעט פאר 15 יאר ביי די Air Method-Life Net of New York לופט אמבולאנס סערוויסעס. ער איז געווען א גרונדער פון די John Ahearn Rescue Squad אין מעקעניקוויל און איז געווען א פאראמעדיק פאר עטליכע אמבולאנס סערוויסעס, אריינרעכענענדיג די Clifton Park & Halfmoon Emergency Corps און Malta-Stillwater EMS. ער איז אויך געווען א פאראמעדיק אינסטראקטאר ביי HVCC.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן